# דער צענטער פון יידישער וויסנשאַפט

פון ד״ר. נ. גאלינקין

אַרויסגעגעבן פון דעם אַמעריקאַנער אָפּטייל
פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט
(אמאָפּטייל)

ניו־יאָרק, יאַנואַר, 1939

446

# ייווא — אַ וועלט־צענטער

אויף בערג און טאָלן ליגט אויסגעשפּרייט די שיינע שטאָט, די ליבלינג־שטאָט פון היינטיקן פוילן: ווילנע. דאָס איז אַ צויבערוואָרט פאַר דעם ליבהאָבער פון נאַטור ווי פאַר דעם ליבהאָבער פון קולטור. דאָ קרייצן זיך דריי קולטורן: די פוילישע, די ליטווישע און די יידישע. יעדע האָט דאָ אריינגעלייגט איר חלק, יעדע האָט דאָ פאַרבונדן אירע האָפענונגען. קיינער האָט אָבער ניט געפונען אַ שענערן צערטל־נאָמען, וואָס אָטעמט מיט מער ליבע און יראת־הכבוד, פון דער אידישן נאָמען: ירושלים דליטא.

ירושלים דליטא איז דער סימבאָל פון יידישע לומדות און פרומקייט, פון ווילנער גאון, ווילנער קלויז און ווילנער ש״ס׳ן. ירושלים דליטא איז דער סימבאָל פון השכלה, פון רש״י פין, די סטראַשונס, קלמן שולמאַן, זאב יעבץ. ירושלים דליטא איז דאָס וויגעלע פון „מזרחי״ פון איין זייט און פון „בונד״ פון דער צווייטער זייט. ווילנע איז די שטאָט פון ישיבות, פון יידישע און העברעאישע פאָלקס־שולעס און גימנאַזיע. ווילנע איז דער אָרט וואו מען רעדט דעם באַרימטן ווילנער אידיש.

און דערפאַר טאַקע האָט ווילנע זוכה געווען לעצטנס צו נאָך אַ מדרגה: צו



ווערן דער צענטער פון יידישער וויסנשאַפט פון גאָר דער וועלט, צו ווערן דער זיצפּלאַץ פון דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייווא״). די שטאָט מיט אַ הויכער און איינגעוואָרצלטער טראַדיציע פון יידישן גייסטיקן שאַפן האָט געהאַט די אַמביציע צו ווערן דער צענטער פון וואַנען יידישע מאָדערנע וויסנשאַפט זאָל אויסשטראַלן איבער אַלע לענדער פון יידישער צעשפּרייטונג.

פון דער שטילסטער גאַס פון דער אַזוי אויך פאַרטרוימטער שטאָט ציען זיך מיסטעריעזע פעדים קיין ניו יאָרק און שיקאַגאָ, קיין מעלבורן אין אויסטראַליע, און יאָהאַנעסבורג אין דרום־אַפריקע, קיין פּאַריז און לאָנדאָן, בעלגיע, אורוגוויי און פּערו און וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ יידישער ישוב. אַזוי ווי דער גורל פון אונזער פאָלק אַזוי איז דער גורל פון אונזער וויסנשאַפט. ביידע זענען אינטערנאַציאָנאַל, ביידע אָנערקענען ניט קיין גרעניצן פון לענדער און קאָנטינענטן. איז „ייווא״, דער ערשטער פּרואוו אַרומצונעמען דעם גאַנצן ערד־קוגל.

עס זענען געווען און עס זענען פאַראַן זייער פיל אידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די פאַרשיידנסטע מינים אין באַזונדערע לענדער. עס איז אָבער ביזן „ייווא״ ניט געווען ד ע ר יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט, דער איינציקער, דער צענטראַלער פאַר אַלע יידן.

געווען איז עס אַ צייכן פֿון דער צייט, פֿון די אַסימילאַציע־חלומות ווען עס זענען אויפֿגעקומען אין דייטשלאַנד די פֿאַרשיידענע געזעלשאַפֿטן צו „פֿערדערונג דער וויסנשאַפֿט דעם יודענטומס", די ענגלישע און אַמעריקאַנישע היסטאָרישע געזעלשאַפֿטן א. אַז. וו.

זייערע אַרבעטן זענען געווען באַגרעניצט צו איין לאַנד, זייערע פֿאַראינטערעסירונגען זענען געווענדעט הויפּטזעכלעך צו דער פֿאַרגאַנגנהייט און ניט צו קעגנוואַרט און צוקונפֿט. דערפֿון — זייער באַזונדערער אינטערעס פֿאַר היסטאָריע. זייער מעטאָדע איז געווען די דערגרייכונג פֿון עמאַנציפּאַציע און פֿולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג אין זייערע וואוינלענדער. זיי האָבן דעריבער אויך געשטרעבט זיך אָפּצוטיילן וואָס מער פֿון וועלט־יידנטום, זיך איזאָלירן פֿון אַנדערע יידן, כדי לייכטער צו קענען זיך אַסימילירן מיט זייערע בעלי־בתים.

מיטן אויפֿקום פֿון יידישן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין האָט מען אַלץ מער איינגעזען די גרונדלאָזיקייט פֿון די אַסימילאַציע־שטרעמונגען און פֿון זייער שטער ביים פֿאָרשן יידישע דערשיינונגען. עס איז אַנטשטאַנען אַ וויכטיקער בלויז אין אונזער גייסטיקן לעבן, און דעם בלויז איז געקומען אויספֿילן דער יידישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, וועלכער איז אַנטשטאַנען, סך־הכּל, מיט דרייצן יאָר צוריק.



דרייצן יאָר איז אַ זייער קורצע צייט, אָבער דער אינסטיטוט האָט צו פֿאַרצייכענען פֿאַר דער דאָזיקער קורצער צייט זייער גרויסע דערפֿאָלגן. דער אינסטיטוט איז פּראָגרעסיוו, אָבער צו דערזעלבער צייט האָט ער זייער ליב טראַדיציע. אַ יידיש יינגל ווערט צו דרייצן יאָר בר־מצוה, ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון פֿון זיין ביז איצטיקן לעבן און נעמט זיך פֿאַר אויסצופֿילן וויכטיקע פֿליכטן אין דער צוקונפֿט. האָט דער אינסטיטוט דאָ ניט לאַנג אויך געפּראַוועט זיין בר־מצוה אויף אַן אימפּאָזאַנטן און ערנסטן אופֿן. עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעפֿעראַטן, מען האָט פֿאַרעפֿנטלעכט קורצע אַרבעט־רעזולטאַטן, מען האָט געמאַכט אַ חשבון פֿונם עבר און אָנגעצייכנט וועגן פֿאַר דער צוקונפֿט.

דער „ייוואָ" איטערעסירט זיך מיט אַלע דערשיינונגען פֿון יידישן לעבן און ניט בלויז מיט דער געשיכטע פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. ער רעגיסטרירט אַלע דערשיינונגען טאָג איין, טאָג אויס, און זאַמלט אַלע יידישע צייטונגען פֿון דער וועלט אין אַלע שבעים לשונות.

ער זאַמלט אַלע נייע און אַלטע ביכער אין יידיש, אָדער אין פֿרעמדע שפּראַכן וועגן יידן. ער זאַמלט אַלטע פּנקסים, נייע בראָשורן, די פֿאַרשיידנסטע דרוקזאַכן, וואָס האָבן וועלכן עס איז ווערט.

ער זאַמלט מאַנוסקריפּטן, פֿאָטאָגראַ־

פּיעס, אויטאָגראַפן פון באַרימטע יידישע און העברעאישע שרייבער און כּלל־טוער.

ער זאַמלט אַלטע פאָלקס־לידער, אַלטע פאָלקס־מעשׂהס, פּורים־שפּילן, קינדער־שפּילן. ער קלייבט יידישע וויצן און שפּריכווערטער. ער זאַמלט און היט אָפּ יידישע אַלטערטימלעכקייטן: „מזרחן", „שיר המעלותן", „מגילות", טאַבאַק פּושקעס.

אַלץ וואָס קען, אין וועלכן עס איז זין, אָפּשפּיגלען דעם יידישן לעבן האָט אַ ווערט און דאָס קלייבט זיך אין די אַרכיוון און מוזייען פון אינסטיטוט.

דער „ייוואָ" פאַרמאָגט 3 אַרכיוון און דריי מוזייען. דער פּרעסע־אַרכיוו איז דער רייכסטער ביי יידן. ער האָט שוין היינט צו־טאָג צען טויזנט יאָרגענג פון יידישע צייטונגען. דער טעאַטער־מוזיי איז דער איינציקער אין דער וועלט. דאָרט געפינען זיך בריוו, בילדער, מאַנוסקריפּטן, אַפישן פון אַרטיסטן און דראַמאַטורגן. די פאָלקלאָר־קאָמיסיע האָט הונדערט טויזנט נומערן פון יידישן פאָלקלאָר.

די ביבליאָגראַפישע צענטראַלע פאַרמאָגט אַ רשימה פון צוויי הונדערט צוואַנציק טויזנט ביכער אין צייטשריפטן. די ביבליאָטעק האָט איבער פערציק טויזנט ביכער. דאָרט געפינען זיך ביכער יקר־המציאותן און זעלטענע מאַנוסקריפּטן.

ביים אויפזאַמלען די מאַטעריאַלן האָבן מיטגעהאָלפן הונדערטער זאַמלער און קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע האָבן אויפן רוף פון



„ייוואָ" און לויט זיינע וויכטיקע אָנווייזונגען זיך געווידמעט דער וויסנשאַפטלעכער הילפס־אַרבעט.

כדי ווירקזאַם און סיסטעמאַטיש צו פירן די פאַרצווייגטע פאָרשונג־אַרבעט, איז דער אינסטיטוט איינגעטיילט געוואָרן אין פיר הויפּט־סעקציעס: 1) פילאָלאָגישע 2) עקאָנאָמיש־סטאַטיסטישע, 3) פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע, 4) היסטאָרישע. פון דער דאָזיקער איינטיילונג איז צו זען וואָס פאַר אַ וויכטיקער פּלאַץ עס ווערט געשאָנקען אין דער פאָרשונג־אַרבעט פאַרן „לעבעדיקן לעבן", פאַר דער קעגנוואַרט. די פּראָבלעמען אַרום וועלכע עס דרייען זיך די פאָרשונגען אין די ערשטע דריי סעקציעס זענען ניט נאָר טעאָרעטישע נאָר אויך אַקטועלע.

דאָ האָט איר פּראָבלעמען פון יידישן סטיל און פון יידישער אָרטאָגראַפיע זייט ביי זייט מיט פאָרשונג פון אַלטע ליטעראַטור־מאָנומענטן, פון מאָנאָגראַפיעס איבער שרייבער און ווערק. דאָ האָט איר אַ סאָציאַל בילד פון יידיש לעבן אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער אין אַלע זייערע שאַטירונגען. דאָ האָט איר אויך די מאָדערנע שול־פּראָבלעמען, פּסיכאָלאָגיע פון קינד און עלטערן, וועגן און שטרעמונגען פון דער היינטיקער יידישער יוגנט. אויף דעם לעצטן געביט איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קאָנקורס, וואָס האָט אין רעזולטאַט געבראַכט 312 אויטאָביאָגראַפיעס פון

יידישע יוגנטלעכע פֿון 8 לענדער. די ביאָגראַפֿיעס פֿאַרנעמען בערך 17,000 זייטן. עס זענען אויך אַריינגעקומען טאָג־ביכער, וואָס פֿאַרנעמען בערך 10,000 זייטן. דער דאָזיקער מאַטעריאַל גיט אַ גראַנדיעזן בילד פֿון עקאָנאָמישע, פּסיכאָלאָגישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פֿון דער יידישער יוגנט.

כדי צו געבן אַן אויסדרוק פֿאַר דער אַרבעט פֿון „ייוואָ" און זיינע באַזונדערע סעקציעס, ווערן אַרויסגעגעבן פֿיר זשורנאַלן: 1) „ייוואָ"־בלעטער, 2) יידישע עקאָנאָמיק, 3) „יידיש פֿאַר אַלע" און 4) אַ בולעטין „ידיעות".

אויסער דעם גיט דער „ייוואָ" אַרויס איינצלנע ביכער פֿון גרויסער וויסנשאַפֿטלעכער באַדייטונג, געשריבן דורך באַוואוסטע אויטאָריטעטן. עס דערשיינען אויך זאַמלביכער ווי „היסטאָרישע שריפֿטן", „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן", „עקאָנאָמישע שריפֿטן", טעאַטראַלאָגישע, ביבליאָגראַפֿישע, פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישע און אַנדערע.

די דאָזיקע שריפֿטן אַנטהאַלטן אַ שלל ווערטפֿולע און זייער אינטערעסאַנטע אַרבעטן. זיי נעמען שוין איצט אַרום איבער 25,000 זייטן. אַרויסגעגעבן מיטן גאַנצן וויסנשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט: מאָדערן, גוטן פּאַפּיר און דרוק. מיט בילדער, טאַבעלן, פֿאַטאָסטאַטן. די גאַנצע אַרבעט ווערט געפֿירט אין יידיש, אין דער שפּראַך פֿון דער מערהייט פֿון יידישן פֿאָלק, אָבער דאָס שטערט ניט דעם אינסטיטוט צו



שטיין העכער פֿון אַלע שפּראַך־שטרייטיקייטן און פּאַרטיי־פּאָליטיק. דער אינסטיטוט איז איבער־פּאַרטייאיש און ער געניסט פֿון דעם רעספּעקט און מיטאַרבעט פֿון אַלע ריכטונגען. העברעאיסטן און אידישיסטן, ציוניסטן און בונדיסטן, רעליגיעזע און פֿריידענקער באַציען זיך אַלע מיט ליבע און האַרציקייט צו דער פֿרוכטבאַרער אַרבעט פֿון אינסטיטוט.

דער „ייוואָ" האָט באַזוכט ניט נאָר יידן, נאָר אויך קריסטן. צווישן זיי אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, ווי לאָרד מאָרלי פֿון ענגלאַנד, פּראָפֿ. ד. סימפּסאָן פֿון אָקספֿאָרד און פֿילע פּוילישע שריפֿטשטעלער. דער „ייוואָ" איז געוואָרן די מעקאַ פֿון ווילנע. קומט אַ ייד קיין ווילנע, וואָס האָט נאָר אַ שטיקל חוש פֿאַר קולטור־זאַכן, ציט עס אים אַריינצוכאַפּן זיך אויף אַ ווײַלע צום וויסנשאַפֿטלעכן וואַרשטאַט, אין „ייוואָ". בלייבט יעדערער אונטערן מעכטיקן איינדרוק פֿון דער אַרבעט, וואָס גייט דאָרטן אָן. גייט פֿון דאָרט אַוועק נחום סאָקאָלאָוו ע"ה מיט אַ ברכה אויף די ליפּן, און בערל לאָקער זאָגט צו, אַז ער וועט נאָך קומען, ס'ווילט זיך ניט אַוועקגיין.

וואו ליגט דער צויבער? ער ליגט אפֿשר אין דער געוואַגטקייט און גראַנדיעזקייט פֿון דעם פֿאַרמעסט. ער ליגט אפֿשר אין דער סיסטעמאַטישקייט און אָרגאַניזירטקייט פֿון פֿאַרצווייגטער אַרבעט.

אפשר זענען זיי פאַרכאַפּט געוואָרן פון די אומצייליקע שופלאָדן, וואו עס ליגן אויף קאַרטלעך אויסגעשריבן די הונדערטער סגולות צו קאָפּווייטאָג, צאָנווייטאָג אָדער בויכווייטאָג. די קללות און די ברכות פון דער ווילנער מאַרק־יידענע, די חכמות און די גלייכווערטלעך פון דעם וואָלינער יידן.

אפשר האָט זיי פאַרכאַפּט דער טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקי, די אַלטע קאָסטיומען פון די אַרטיסטן. אפשר זענען זיי נתפעל געוואָרן פון אַ טאַבעלע אויפן וואַנט, וואו ס'איז געווען אויסגעמאָלט גאַנץ פוילן און עס זענען געוואָרן באַצייכנט מיט ספּעציעלע פאַרבן די שטעטלעך, וואו דער עולם זאָגט „די אויג" און וואו מ'זאָגט „דאָס אויג". עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין. מען דאַרף איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשליסן, צי זאָל מען זאָגן „די אויג" אָדער „דאָס אויג" און ווי די מערהייט וועט איינשטימען, אַזוי וועט בלייבן.

דער באַזוכער האָט נאָך געקענט כאַפּן התפעלות פון דעם קעלער פון אייזן און בעטאָן, וואו עס איז אין אַ מאַסיווער פייער־קאַסע איינגעשלאָסן אַן אוצר פון זעלטענע בריוו פון אונזערע ליטעראַטור־קלאַסיקער, און פון וויכטיקע היסטאָרישע פערזענלעכקייטן. אַן אייראָפּעאישער באַזוכער האָט זיך געוויס דערשראָקן ווען ער האָט צווישן די צענדליקער טויזנטער ביכער און צייטונגען פון אַלע וועלט־עקן,



דערזען די ריזיקע, גראָבע בענדער פון די לעצטע יאָרגענג פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס". ווי ער איז אַרויף אויף די טרעפּ האָט אים באַגעגנט אַ מאַפּע פון דער וועלט: האָט ער גלייך דערזען אויף איר וואו עס וואוינען ערגעץ אונזערע 17 מיליאָן יידן, וואו מען רעדט אויף יידיש, וואו עס זיינען דאָ אָפּטיילונגען פון דער געזעלשאַפט פריינט פון „ייוואָ". איז ער אַרויפגעגאַנגען העכער האָט ער געקענט אַריינפאַלן אויף אַן אינטערעסאַנטן וויסנשאַפטלעכן רעפעראַט, וואָס איז אויסגעהערט געוואָרן פון אַ פאָר הונדערט ווילנער אינטעליגענטן. ער האָט אָבער אויך געקאָנט פאַרבלאָנדזשן אין אַ זייט און אַריינפאַלן אין די שטודיר־צימערן, וואו יונגע בחורים און מיידלעך זענען געזעסן פאַרטיפט איבער ביכער און געמאַכט נאָטיצן. ווער זענען זיי דאָס? דאָס זענען נאָך ניט קיין באַקאַנטע וויסנשאַפטלער, אָבער זיי קענען עס ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט. מיט אַ יאָר דריי צוריק נאָכן טויט פון דר. צ. שאַבאַד (איינער פון די גרינדער פון „ייוואָ") איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ נייע אינסטיטוציע אויף זיין נאָמען. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „אַספּיראַנטור". יידישע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געענדיקט אַן אוניווערזיטעט און האָבן אינטערעס פאַר יידישער וויסנשאַפט, זאָלן קענען אויספּרואוון זייערע כחות, און אונטער אַ געשולטער לייטונג

צו פירן פאָרשונג־אַרבעט, וואָס וועט זיי שפּעטער געבן אַ מעגלעכקייט צו ווערן זעלבסטשטענדיקע וויסנשאַפטלער. צווישן הונדערטער קאַנדידאַטן זענען פאַרזיכטיק אויסגעקליבן געוואָרן צוואַנציק פון די פּע־איקסטע וואָס גיבן זיך אָפּ מיט פאָרשונג־אַרבעט.

די רעזולטאַטן זענען גלענצנדע. יעדן יאָר ווערן באַאַרבעט וויכטיקע פאָרשונג־געביטן און די יונגע פאָרשער ווערן באַרייכערט מיט אַ סך דערפאַרונג. זייערע אַרבעטן ווערן אויך נאָכדעם געדרוקט.

נאָך אַ שיינע זאַך: עס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע ביים „ייוואָ" איינצואָרדנען ביי זיך אויסשטעלונגען פון די שאַפונגען פון שריפטשטעלער און קינסטלער. זייער איינדרוקספול זענען געווען די אויסשטעלונגען פון מענדעלע און פּרץ. דאָ האָט מען געזען די עלטסטע מאַנוסקריפּטן און אויסגאַבן פון די ווערק, איבערזעצונגען אין פאַרשיידענע שפּראַכן, רעצענזיעס וועגן זיי, פּלאַקאַטן וועגן זייערע רעפּעראַטן, די פאָטאָגראַפיעס פון זיי אַליין, פון זייער פאַמיליע, פון די אַלע ערטער, וואו זיי האָבן געוואוינט. אַלץ איינגעאָרדנט לויט אַ געוויסע סיסטעם און באַגלייט פון טאַבעלן און אויפשריפטן, וועלכע האָבן מיט זיך געשאַפן אַ פולשטענדיקע לעבעדיקע ביאָגראַפיע פון שרייבער. דאָ האָט מען געזען פּרצעס באַרימטע פּעלערינע, זיין שטאָק און זיין היטל, דעם גאַנצן



צימער וואו פּרץ האָט געלעבט און געשאַפן.

דאָ האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אונזערע קלאַסיקער זענען איבערזעצט געוואָרן ניט נאָר אין רוסיש, פּויליש, דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש, נאָר אויך אין אונגאַריש, רומעניש, שפּאַניש און אַפילו אין אַראַביש. דאָ האָט איר געזען אייגנהענטיקע פּאָסט־קאַרטלעך געשריבן פון זיידן צום אייניקל און פאַרקערט (אַדרעסירט: שלום עליכם, עליכם שלום!) און די גאַנצע גרויסע קאָרעספּאָנדענץ פון אונזערע שרייבער. אויך אסתר רחל קאַמינסקי און דוד הערמאַן האָבן געהאַט שיינע אויסשטעלונגען צו זייער יאָרצייט.

ס'איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז די גאַנצע אַרבעט קאָנצענטרירט זיך אין די פיר ווענט פון ווילנער אינסטיטוט. מיר פאַרמאָגן אין אַמעריקע אַן „אַמאָפּטייל" (אַמעריקאַנער אָפּטייל) פון „ייוואָ". אין אַרגענטינע האָבן מיר אַן „אַרגאָפּטייל." די „עקאָנאָמישע סעקציע" איז הויפּטזעכלעך טעטיק אין וואַרשע, וואו עס האָט זיך געפונען דער וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר י. לעשטשינסקי. דער סעקרעטאַר פון דער היסטאָרישער סעקציע א. טשעריקאָווער, געפינט זיך אין פּאַריז. דער סעקרעטאַר פון דער פּסיכאָלאָגישער סעקציע לייבוש לעהרער אין ניו יאָרק. ווילנע איז אין דער גרעסטער מאָס דער צענטער פון דער פילאָלאָגישער סעקציע אונטער דער לייטונג

פון דר. וויינרייך. אין דרויסיק לענדער פון אלע וועלט־טיילן עקזיסטירן געזעלשאפטער „פריינט פון „ייווא״.

זיי שטיצן דעם אינסטיטוט מיט געלט, אָבער זיי זענען אויך בייהילפיק ביים זאמלען די נויטיקע וויסנשאפטלעכע מאטעריאלן. א חוץ דעם זענען זיי זייער אָפט דער הויפט־צענטער פון יידישן קולטורעלן לעבן אין זייערע פלעצער.

וואַרשע האָט אויך לעצטנס געשאפן א ספעציעלע „היסטאָרישע קאָמיסיע פאַר פוילן״, כדי צו זאמלען די נויטיקע מאַטעריאַלן, וואָס זאָל קענען דינען אַלס באַזיס פאַר מאנאגראפיעס פון באַזונדערע פוילישע שטעט. ס׳איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אַן אַקציע אויפצוזוכן אַלטע היסטאָרישע פנקסים. ס׳איז דאָרט אויך פאַראַן א היסטאָריקער קרייז, וואָס אָרדנט איין רעפעראַטן און גיט אַרויס פעריאָדיש „בלעטער פון געשיכטע״. ס׳עקזיסטירן אויך ענלעכע קרייזן פון עקאָנאָמיסטן, פעדאַגאָגן און פסיכאָלאָגן, וואָס טוען וויכטיקע אַרבעט. לאָדז איז טעמיק אויפן היסטאָרישן געביט און גיט אַרויס „לאָדזשער וויסנשאַפטלעכע שריפטן״. פאַריז איז דער צענטער פון היסטאָריקער און זאַמלט איצט מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין פראַנקרייך.

י. נ. שטיינבערג און מ. גאסטער שטייען בראש פון דער אַרבעט אין לאָנדאָן און



גרייטן זיך אַרויסצוגעבן א היסטאָרישן זאַמלבוך: „יידן אין ענגלאַנד״.

אין ניו יאָרק געפינט זיך איינער פון די אַקטיווסטע „ייוואָ״־פאָרשער, דער היסטאָריקער דר. יעקב שאַצקי, וועלכער האָט ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט א גרויסע פונדאַמענטאַלע אַרבעט וועגן גזירות ת״ח. ניו יאָרקער ״ייוואָ״ האָט אַרויסגעגעבן א „יאָר־בוך״ פאַר 1938. איצט האַלט מען ביים אַרויסגעבן א צווייטן יאָרבוך פאַר 1939. לעצטנס איז ביי דעם „אַמאָפטייל״ טעטיק א היסטאָריקער־קרייז, וועלכער אָרדנט איין היסטאָרישע פאָרלעזונגען. א חוץ דעם האָט דער „ייוואָ״ אין ניו יאָרק אָרגאַניזירט א פאָרום, וואו באַרופענע אויטאָריטעטן רעפערירן וועגן געשיכטע, ליטעראַטור, קונסט, פילאָסאָפיע און פילאָלאָגיע. אַרגענטינער אָפטיילונג גרייט זיך אויך אַרויסצוגעבן א זאַמלונג.

מיט איין וואָרט, עס גייט אָן א פרוכטבאַרע, לעבעדיקע אַרבעט אויף אַלע געביטן פון יידישער וויסנשאַפט, אין א טעמפּאָ וואָס איז נאָך ביז איצט ניט געזען געוואָרן. יידיש, וואָס איז נאָך ביז דאָ ניט לאַנג צוריק געווען בלויז די שפּראַך פון פּראָסטן פאָלק, אָדער העכסטנס פון בעלעטריסטישע ביכער, איז דערהויבן געוואָרן צו א מדרגה פון אַ הויך־קולטורעלער שפּראַך אין וועלכער עס ווערן געשריבן ערנסטע ווערק.

ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז ערשט

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז עס געווען אַ הויכער טרוים אַרויסצוגעבן פאַרן פאָלק ביליקע פּאָפּולערע ביכלעך וועגן דונערן, בליצן און די אַנטשטייאונג פון רעגן, און איצט גיט אַרוים דער „ייוואָ" ווערק פון פרוידן און ספּענסערן אין יידישער איבערזעצונג, ווערט מען ביי זיך שטאָלץ און צופרידן.

פון איין זייט איז דאָס פאָלק געוואָרן רייפער צו לייענען אַזעלכע ווערק, פון דער צווייטער זייט איז די אינטעליגענץ געוואָרן פאָלקסטימלעך, אַז זי זאָל זיך ניט שעמען צו לייענען וויסנשאַפט אין יידיש, און ועל כולם: יידיש איז אַרויס פון די וויקעלעך און געוואָרן אַ שפּראַך פון וויסנשאַפט.

האָט דערביי „ייוואָ" געווים אַ גרויסן חלק און זיינע ערשטע גרינדער — זלמן רייזין, דר. מאַקס ווײַנרייך און ז. קאַלמאַנאָוויטש — קומט אַן אמתער יישר־כח.

ווי זאָגט אַפּאַטאָשו: פון סורא — פומבדיתא ביז „ייוואָ" — איז אונזער וועג.